Friday, June 2, '00

פרייטאג, פרשת במדבר, כ"ט אייר, תש"ס

# די לעצטע עירוב נייעס


## א שבת'דיגע הכנסת ספר תורה אין וויליאמסבורג

וויליאמסבורג – שבת פ' אמור העעל"ט איז בעצם יום השבת אריינגעפירט געווארן א נייע ס"ת אין ביהמ"ד הגדול בית יצחק דספינקא אויף קיעפ סטריט. אלע ספר תורה'ס פון ביהמ"ד האט מען ארויסגעטראגען אויף די גאס מקבל פנים זיין דעם נייעם באצירטע ס"ת וואס מ'האט געברענגט פון אריבער די גאס, ווייל "מען האט געמאכט אן עירוב ספעציעל אויף דעם שבת, כדי צו קענען אריינפירן די ס"ת אין בית המדרש".

אט די נייעס איז געווען אפגעדרוקט אין "דער–איד" (פון פ' בהר תש"ס עמוד ב\6), נאכדעם וואס וואך איין וואך אויס איז געדרוקט אין "דער איד" די פאלשע פראפאגאנדע אז ברוקלין האט א דין פון "רשות הרבים דאורייתא", און דערפאר זאל נישט העלפן קיין עירוב, און די וואס זענען מטלטל אין ברוקלין זענען "מחללי שבת" ר"ל.

ווי שעהמט מען זיך נישט צו שאפן אזא מין בזיון התורה, אזא מין בלבול המות ביים ציבור, פון איין זייט האקן קעגן אן עירוב, צוליב חששות פון חילול שבת דאורייתא, און פון דער אנדערער זייט, פייפן אויפן "את שבתותי תשמורו" בפומבי, מיט מטלטל זיין ספרי תורה אום שבת, ברחובה של עיר, נישט דורך גויים, נאר דורך חסידים ואנשי מעשה, בהשתתפות רבנים, דיינים, אדמורי"ם, ואין פוצה פה ומצפצף...

אגב, אין "דער בלאט" פון פ' בחוקותי (עמוד 33), אונטע'ן קעפל "וואס דער רבי האט דערציילט", ווערט דערמאנט אזאך וואס איז נוגע לענינינו, וז"ל: "אין שנת תש"מ לפ"ק איז אויסגעפאלן די צווייטע טאג שבועות אום שבת קודש... און כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט אריין געגעבן א ספר תורה אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג לע"נ רביה"ק מסאטמאר זי"ע. די ס"ת איז ארויס פונעם הויז פון קרית יואל'ער רב שליט"א אין וויליאמסבורג"...

פרעגט זיך די שאלה, אויב איז ברוקלין א רשות הרבים דאורייתא, אדער אפילו נאר א ספק וחשש רה"ר דאורייתא, ווי האט מען געמעקט אריינגעבען א ספר תורה אום שבת קודש? ס'איז דאך נישט קיין חילוק צו דער עירוב איז געמאכט געווארן ספעציעל פאר א צוועק ווי הכנסת ספר תורה, אדער פאר דעם אמת'ן צוועק פארוואס חז"ל האבן מתקן געווען עירובין. ווידער אויב מ'האט געפיערט ספר תורה'ס ברחובה של עיר, ווייל די גדולי הפוסקים מאז ומקדם האבן געהאלטן אז מיר האבן היינט נישט קיין רשות הרבים דאורייתא נאר א "כרמלית", פרעגט זיך די קשיא "מה נשתנה" בארא פארק פון וויליאמסבורג, איז דען נישט וויליאמסבורג א חלק פון ברוקלין פונקט ווי בארא פארק?


לייענט און פארשפרייט

די לעצטע עירוב נייעס


## נייע "חתימות מזוייפים" זענען נתגלה געווארן

פלעטבוש – די לעצטע וואך, איז מען געוואויר געווארן, אז פון צווישען די 70 רבנים החותמים אויף די פלעטבוש'ער "קול קורא" קעגען עירוב, האבן עטליכע מודיע געווען, אז זייערע חתימות זענען געפעלשעט געווארען, ווייל זיי האבן קיינמאל נישט געחתמ'עט אויף דעם נוסח וואס איז נתפרסם געווארן אין די צייטונגען.

הגאון הרב פאם שליט"א ראש ישיבת תורה ודעת איז געווען געשטוינט ווען ער האט געזען זיין געדרוקטע חתימה אויף יענעם נוסח. הגאון הרב אביגדור מיללער שליט"א האט דאס אפילו איבער געחזר'עט ביי זיין וואכענדיגער שיעור, און מ'קען הערן קלאר אויפן טעיפ (#E-232), ווי ער זאגט אז ער האט קיינמאל נישט געחתמ'עט א קעגן דעם עירוב, און ער האט קיינמאל נישט געזאגט קיין מיינונג אין דעם דאזיגן ענין. הרה"ג ר' פנחס ישראל הלוי גארניש שליט"א שרייבט דאס אפילו בכתב. דערויף האבן מיר א כלל אז "עדות שבטלה מקצתה, בטלה כולה"! און כידוע א שטר וואס איין חתימה דערפון איז מזוייף, פסל'עט ער דעם גאנצן שטר.

זינט לעצטע וואך, האלטן מיר שוין ב"ה ביי 9 פאלשע חתימות. עס איז די וואך צוגעקומען נאך 6 רבנים וואס האבן מודיע געווען, אז זיי האבן קיינמאל נישט געחתמ'עט אויף דעם דערמאנטן קול קורא, הלא הם הרבנים הגאונים דפלעטבוש, 1) הרב שמואל טייטלבוים שליט"א רב דקהל ישועת חיים, 2) הרב מאיר שיינבערג רב דקהלת אורח חיים, 3) הרב חיים צבי זעגעלבוים שליט"א אבד"ק וויען, 4) הרב ישראל לייטער שליט"א רב דקהל כנסת ישראל, 5) הרב יהודה לייב ליסקער שליט"א רב ביהמ"ד איסט פיפט סט., 6) הרב שמחה רוזנבלט שליט"א רב דקהל זכרון אלימלך. און לויט ווי מיר זענען אינפארמירט וועט די אנדערע וואך די רשימה גרעסער ווערען.

ביי אונז, זענען זייערע פעלשונגען שוין ליידער מער נישט קיין חידוש, ווייל די גאנצע מערכה פון דער "כת הידוע" קעגן סיי וואס פאר אן עירוב אין ברוקלין, במשך די לעצטע 21 יאהר, איז געווען פול מיט פאשידענע זיופים וסילופים.

## פונעם בני יששכר ביז'ן חידושי הרי"ם

בארא פארק – די וואך איז אין בארא פארק געווען צו גאסט, א גאר חשוב'ע איד פון אנטווערפן, מזקני חסידי גור, וואס ער איז געקומען אלץ שליח נאמן פון "איחוד מוסדות גור", זיך משתתף זיין אין דעם דינער לטובת "מתיבתא בית ישראל" וואס איז פארגעקומען דעם לעצטען זונטאג אין "תורה ויראה" האלל. נו, אזוי די טעמע פון עירוב גייט נישט אראפ פון די ארענע אין בארא פארק, אפילו בשעת א דינער, האט דער אנטווערפענער גאסט פארציילט א מערקווירדיגער

פארזעצונג אויף זייט 3

# עדיטאריעל:

# א "גאַסט" אין שטאָט

די וואך מיטוואך, האט "אחד הרבנים", בן בלי שם, אפעליערט צו אונזערע ווייבלעך "להבזות בעליהן בעיניהן", זאלן נישט מושפע ווערין פון זייערע מענער, און נישט מטלטל זיין אין עירוב. אונזער "גאסט" רב, אין זיין דעמאגאגישן עדיטאריעל, האט זיך דערוואגט ארויס צוטרעטן קעגן אלע זקני הרבנים המובהקים מתלמידי כ"ק אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר זי"ע, וואס זענען מעיד אז רבינו הק' האט חלילה קיינמאל נישט געזאגט עפיס קעגן טלטול אין א כשרן עירוב. אונזער גאסט וויל איינרעדן אונזערע ווייבלעך, אז דעת רבינו הק' איז געווען, אז פריוואטע בלאק-עירובין, אדער אפילו עטליכע בלאק'ס צוזמען, מעג יא זיין אין וויליאמסבורג, נאר בתנאי אז זיי זענען אן קיין "השגחה", אבער אז אלע בלאק'ס זאלן צוזמען ווערן ארום גענומען מיט איין צורת הפתח, מיט א געהעריגע השגחה כדבעי, דאס נישט. און דאס דארף מכלומר'שט הייסן שיטת רבינו הק' זי"ע, לויט אונזער "גאסט - אחד הרבנים".

און אויב אזוי, לאמיר עם דערמאנען אז דער בארא פארקער עירוב האט זיך אויך אזוי אנגעהויבן. פונקט ווי אין וויליאמסבורג, איז בארא פארק אויך געווען פארפלייצט מיט צענדליגע פריוואטע בלאק עירובין, אין אלעס איז געווען שא און שטיל. נאר ווען עטליכע ערליכע איינוואוינער פון די לאוער 40 גאסן, האבן געוואלט, נישט מער און נישט ווייניגער, אז זייער צוה"פ זאל שטיין אונטער אן השגחה פון מורי הוראה מובהקים וואס וואוינען אין זייער געגענט, דעמאלסט, און נאר דעמאלסט, האט זיך די משפחה הידועה דערמאנט, אז לא עת לחשות! מ'מוז לוחם זיין! נישט קעגן די פארפלייצטע עירובין אין די גאנצע שטאט, נאר דווקא אויף די עירובין וואס שטיין אונטער אן השגחה. דערמיט האבן זיי געוויזען, אז די מלחמה זייערע איז נישט געצילט קעגן די מכלומר'שטע פירצה פון עירובין. די מלחמה זייערע איז קעגן די רבנים וואס האבן זיך דערוואגט צו געבן א השגחה דערויף...

אזוי ווי די משפחה הידועה האט אנגעפאנגן די מחלוקת אין די שטאט, מיט זייער פאלטשן קאמפיין קעגן די רבנים, מיט חתימות, און חששות פון פיצא, צייטונגען, פריצות, רה"ר דאורייתא וכו' וכו', האבן זיי דערמיט נאר אזויפיל אויפגעטוהן, אויפמערקזאם געמאכט דעם צבור פון די אנדערע בלאק'ס אז זיי זאלן אויך האבן אן השתוקקות לדבר מצוה פון תיקון עירובין. וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ. ווי מער זיי האבן געהעצט מיט זייערע פאלשע פראפאגאנדע קעגן די רבנים המכשירים, אלץ מער האט זיך פארשפרייט נאך בלאק'ס און נאך בלאק'ס וואס זענען געווארען ארום גענומען מיט'ן עירוב, ביז אלע אונזערע בארא פארק איינוואוינער האבן זוכה געווען צו אן עירוב כללי, פונקט ווי אין ירושלים און בני ברק יצ"ו.

צו אונזער "גאסט", דער "אחד הרבנים" מיט זיין עדיטאריעל, זאגען מיר "האחד בא לגור וישפוט שפוט"? איידער איר קומט מסית ומדיח זיין בארא פארקע ווייבלעך זאלן נישט פאלגן זייערע מורי הוראה'ס, זאלט איר פריער מקיים דעם "טול קורה מבין עיניך"!

**פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט**

## דער טלטול פון "פלאש וויין" פון סקווערער רבין שליט"א אין וויליאמסבורג

וויליאמסבורג – פארגאנגענעם שבת פרשת אמור האבן פיל וויליאמסבורגער אידן געזעהן דעם סקווערער רבי'ן שליט"א גייענדיג ארויס פון זיין שטוב אויפ'ן וועג צום טיש, צוזאמען מיט הרה"ח ר' ישעי' הי"ו דער משב"ק וואס האט געטראגען אויף די גאס דעם רבי'נס פלאש וויין...

די פאלשקייט פון די "כת הידוע" שאינם מודים בעירוב, וואס האלטן אין איין פראקלאמירען "חילול שבת דאורייתא", שרייט דאך עד לב השמים. פון איין זייט זענען זיי מפרסם אין אלע צייטונגען בשם כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, כאילו ער האט געהייסן פאר זיינע חסידים זיי זאלן נישט מטלטל זיין בעירוב, בזמן וואס די פאקטן ווייזען פארקערט. דאס איז נישט קיין מעשה'לעך פון צייטונגען מיט שירעמ'ס, דאס זענען לעבעדיגע עובדות "מעשה רב"ס וואס האבן לעצטע וואך פאסירט ברחובה של עיר. איז דען דאס נישט גענוג א באווייז וואס פאר א פארשוועכונג פון אונזערע הייליגע תורה די "כת הידוע" מאכן, כדי צו פארטאמען אונזערע מוחות מיט לגלוג ר"ל על חכמינו ז"ל וואס האבן מתקן געווען די מצוה פון עירובין.

## דברי בזיון אחר מיטתן של רבנים שוכני עפר פון הונדערט יאהר צוריק

די היינטיגע וואך האט זיך די משפחה הידועה דערוואגט צו טוען די גרעסטע "מעשה נבלה" וואס איז נאר שייך, צו זיין א "מספר אחר מיטתן של תלמידי חכמים". זיי האבן מפרסם געווען אין די חרדי'שע צייטונגען שרעקליכע דברי בזיונות קעגן א רב מובהק, א גאון מפורסם, וואס איז נסתלק געווארן 90 יאר צוריק אין ניו יארק, ווי זיי טוען אזוי מיאוס ארונטעררייסן דעם שערפס'ער רב, נאר צוליב ווייל ער איז געווען בשעתו דער וואס האט מתיר געווען, ע"פ דעת תורתו, מטלטל זיין אין מזרח מאנהאטען.

עס איז אינטערעסאנט ווי די משפחה הידועה זענען די וואס רעדן זיך אפ קעגן בזיון רבנים, ובפרט שוכני עפר, דארט ווי ביי זיי אליין איז אלע מיטלען כשר אין זייער מלחמה קעגן כאטש וואס פאר אן עירוב.

וואס ווייסן מיר, און ווי מעגן מיר, זיך היינט אריינמישן, ווער איז יא גערכט געווען, און ווער נישט, אין די מחלוקת'ן פון די ראשי הקהלות בימים ההם.

פון איין זייט איז געשטאנען די אגודת הקהלות וואס בראשם איז געשטאנען הגאון ר' יעקב יוסף ז"ל פון קאוונא וואס איז אויפגענומען געווארן פון די אגודת הקהלות אלץ "רב הכולל דנויארק". און פון די אנדערע זייט איז געשטאנען די גאליציאנער אידן מיט די חסידים, צווישן די 20 קהילות, אונטער די פירערשאפט פון דער שערפס'ע רב הגאון הרב יהושע סיגעל ז"ל, וואס צוליב זייער תערומות אז מ'האט זיך מיט זיי נישט גערעכענט ביים אויפנעמען רבי יעקב יוסף ז"ל אלץ "רב הכולל". דאס האט דאן געשאפן א גרויסע אלגעמיינע שפאנונג, צווישען זיי אויך בנוגע דעם קאנטראל איבער די שחיטה.

כדרך של מחלוקת'ן זענען אלע מאל דא צוויי צדדים, און ווער קען היינטיגע צייטן פסקענען, צו דער שערפס'ע רב ז"ל האט יא געהאט א רעכט אדער נישט, צו חתמ'ענען זיין נאמען אלץ "רב הכולל לאגודת הקהלות אנשי פולין". מ'האט אונז נישט ממנה געווען אלץ בוררים צו פסק'ענען, היינט, ווער פון די רבנים שוכני עפר מיט 100 יאהר צוריק, איז געווען גערעכט אדער נישט.

# עדיטאריעל:

# א "גַאסט" אין שטאָט

פארזעצונג פון פריערדיגע זייט

וואס טוט זיך מיט אייערע פארפלייצטע "קורה'ס און לחי'ס" איבער גאנץ וויליאמסבורג? אויף אזעלעכע בלאק-עירובין איז דאך הכל מודים אז דער רבי זי"ע איז געווען א מנגד, ווי דער גראסווארדיין'ער רב ז"ל איז דאס מעיד, אז דער רבי האט עם נישט געלאזט ציען אן עירוב פון זיין ביהמ"ד אויף 10טער עוועניו ביז מיימאנידיעס שפיטאל. פארוואס רעט נישט דער "גאסט" וועגען דעם אמת'ן ציל פון די "בעלי העירוב" אין וויליאמסבורג?

אמת, די משפחה הידועה האט גדונגען אייערע סערוויסעס, ווען זיי האבן אנערקענט אז זייער פריוואטער "מאנאפאל" אויף די בארא פארק איינוואוינערס ווערט נעבעך איינגאנן צופאלן. אבער וויפיל מאס חוצפה דארף מען צו האבן, ארייננצושלעפן "סאטמאר" צו באשיצן זייער פריוואטן "מאנאפאל" פראבלעם? און עד כדי כך אז ס'זאל מכלומר'שט הייסן, חלילה, "רבן דקרו"? ווען וועמען ווילט איר דא איינרעדן, אז פאפא רב זצ"ל, שארמאשער רב זצ"ל, שטשאקאווע רב זצ"ל, סאמבאטהעלי רב זצ"ל, וואס זיי אלע האבן געשריבן, איינס ביי איינס, קלארע דיבורים אין זייערע בריעוו, מעודד זיין תיקון צוה"פ אין וויליאמסבורג, אז זיי זענען אלע נחשד חלילה אויף "רבן דקרו"? האבן דען די דאזיגע גדולי הרבנים בשעתו געוואלט צוברעכן דערמיט א "סאטמארן מאנאפאל"? איז דען הגה"צ דער סערדאהעלי רב שליט"א נישט אריין להיכלו פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א (צוזאמען מיט זיין ברודער הגה"צ אב"ד וויען שליט"א) זיך דורכרעדן איידער ער האט מחליט געווען מתקן זיין א צוה"פ ארום גאנץ בארא פארק?

ווער איז נאך אזוי נאמן, און ווער ווייסט נאך אזוי גוט ווי הרב החסיד ר' יוסף אשכנזי שליט"א נאמן ביתו של רבינו זי"ע איבער פערציג יאהר, וואס מיט זיין בעקאנטן מכתב עדות, און אסאך מער דערפון איז ער מעיד בע"פ אויף די לעצטיגע גאנצע "אנטי" פראפאגאנדע בשם רבינו זצוק"ל אז דאס אלעס איז שקרים וכזבים ממש, והאיך יוכל החי להכחיש את החי? וועלעכע ווייבלעך ווילט איר איינרעדן אז אזעלעכע חשובע רבנים מובהקים מבחירי וחביבי תלמידי רבינו זי"ע ווי הגה"צ דער אודווארי רב שליט"א (וואס איז לעצטענס ממש קראנק דערפון), אדער הגה"צ דער קארלסבורגער רב שליט"א, זיי זענען פלוצים געווארן לוחמים קעגן שיטת רבינו זי"ע. דער שקר שרייט דאך ביז צום הימל...

מיר פארשטייען, אז פאר די משפחה הידועה מיט זייער "גאסט", טוט זייער וויי אז רבינו הק' מסאטמאר זי"ע האט קיינמאל נישט גע'חתמ'עט אן אפיציעלען איסור קעגען עירובין. ווי אויך האט די "התאחדות הרבנים" קיינמאל נישט ארויסגעטראטען מיט א "קול קורא" צו אסר'ען, טראץ וואס די "אגודת הרבנים" מיט הרב סאוויצקי פון באסטאן האבן יא ארויסגעגיבען א בפירוש'דיגע איסור. דאס איז א פאקט וואס זיי קענען נישט לייקענען.

די משפחה הידועה האט באשאפן אן "עגל", און זיי ווילען ארייננשלעפן די קהילה קדושה סאטמאר, זאלן אלע נאך שרייען "אלה אלהיך ישראל". איהר וואוינט דאך היינט אין בארא פארק, ווייסט איהר דען נישט וויפיל יראים ושלימים, ובפרט פון די גרויסע תלמידי חכמים פון סאטמאר, צווישן זיי דיינים ומו"צ, האלטן קלאר אז דעם רבי'ן ז"ל'ס התנגדות צום היתר טלטול אין מאנהאטען בשעתו, האט גארנישט קיין שייכות לענינינו היינט, ווייל אין מאנהאטען האט מען קיינמאל נישט געמאכט אן עירוב מיט א צוה"פ, נאר מ'האט זיך פארלאזט אויף די געבויטע טרעין עלעוועיטערס וכיו"ב, און דערצו דער שפלות מצב היהדות ווי ס'איז דעמאלס געשטאנען כידוע. ווי קען מען מאכן דערפון א "גזירה שוה" אויף א היינטיגע חרדי'שע שכונה, וואו מ'איז מתקן א

פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט

# פונעם בני יששכר ביז'ן חידושי הרי"ם

פארזעצונג פון ערשטע זייט

ענין וואס ער האט אליין געהערט פון כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל בית ישראל זצוק"ל, וואס דערפון זעט מען, אז נישט נאר דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט געהאלטן אז ס'איז אן ענין מטלטל צו זיין, כדי מ'זאל נישט זיין אין כלל פון גדר "אלו שאינם בעירוב".

אזוי ווי דער ענין פון עירוב איז היינט א הייסער, און דער מספר העובדא איז גאר אן איידלער איד, האט ער געבעטן מ'זאל דערווייל נישט דערמאנען זיין נאמען. אבער אפילו אהן פרסום שמו המפורש, ווייסן שוין חסידי גור גאנץ גוט, ווער איז דער בעל העובדא.

אין שנת תש"ו האט דער רבי, דער בית ישראל זי"ע, עם געפרעגט, היתכן אז ער איז מחמיר אויף זיך נישט מטלטל זיין בעירוב? נאך דעם וואס ער האט דעם רבי'ן גיענפערט, האט עם דער רבי געזאגט, "זאלסט וויסן, אז דער חידושי הרי"ם האט מקפיד געווען מטלטל צו זיין אין עירוב, אלץ ענין פון 'מודה בעירוב". דער רבי האט מיר דערלאנגט א "זעקל" אין דער האנט, און מיך געהייסן ארויסגיין דערמיט.

די עובדא האט א געוואלדיגן חשיבות, ווייל ביז היינט האט מען דעם ענין געהאט מקובל נאר פון הגה"ק בעל בני יששכר פון דינוב זי"ע, וואס דארט נעמט זיך וואס זיין אור-אור-אייניקל הגה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זצוק"ל שטרענג מקפיד געווען מטלטל צו זיין, אין יעדער שטאט וואו דער עירוב שטייט אונטער די השגחה פון אן ערליכן רב. די וואך זענען מיר געוואויר געווארן, אז די הייליגע הקפדה צו זיין א "מודה בעירוב" איז געווען נישט נאר אין גאליציע, נאר אויך טיף אין קאנגרעס-פוילין, און פון אזא גרויסן מנהיג ורבן של ישראל ווי דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע.

אז מ'רעדט שוין דערפון, איז כדאי צו דערמאנען אן עובדא וואס הרה"ג מוהרמ"מ ווייסמאנדל שליט"א דומ"ץ נייטרא אין מאנסי האט פארציילט, אז ווען זיין עלטער-שווער דער "מנחת יצחק" זצ"ל איז איינגעשטאנען ביי עם אין מאנסי, איז דעמאלס געווען א גרויסן פולמוס אין מאנסי איבער'ן נייעם עירוב, פונקט ווי היינט אין בארא פארק, און ער האט זיך ביז דאן נישט מצטרף געווען להיתר. האט עם דער "מנחת יצחק" פארציילט, אז אין גרויסווארדיין וואו זיין שווער איז געווען דער רב, איז געווען א מחלוקת איבערן עירוב, און די סאטמארע חסידים זענען געווען פון די קעגענערס. איינמאל איז דער סאטמאר רב זצוק"ל געקומען אויף שבת קיין גראסווארדיין, האבן די חסידים געהאט א חשבון, אז דער רבי וועט זיך אוודאי פארבינדן דעם האלז מיט'ן טאשנטיכל, וועט דאך דאס זיין א גרויסע נצחון קעגן דעם רב. שבת נאכמיטאג איז דער סאטמאר רב זצוק"ל געקומען אויף א וויזיט צו זיין שווער, דער רב, און נאך ווי זיי האבן זיך מפלפל געווען בהלכות עירובין, איז דער רבי איז ארוס פון שטוב מיט די באגליטונג פונעם רב, און געגאנגען אין די גאס א שטיק וועגס מיט'ן טאשנטיכל אין דער האנד, איז אזוי האט זיך ב"ה אפגעשטעלט די מחלוקת.

# עדיטאריעל:

# א "גאַסט" אין שטאָט

פארזעצונג פון פריערדיגע זייט

מהודר'דיגן צוה"פ, מיט א גהעריגע השגחה דערויף?

הכל יודעים אז דער רבי זי"ע האט דאך בפירוש להלכה נישט געהאלן (ווי הרב ביק ז"ל) אז ברוקלין האט א דין פון רשה"ר דאורייתא, איז וועמען ווילט איהר איינרעדן אז דער רבי זי"ע האט געוואלט עוקר מן השורש זיין א תיקון חז"ל, א מצוה חיובית אין שו"ע? וכ"ש וק"ו דארט וואו מ'האט שוין מתקן געווען א כשר'ן עירוב, נאך גרויסע טירחות, שווערע געלטער און מיה, זאל עס ביי אייך הייסן "קעגן דעם סאטמארן מאנאפאל" נאר ווייל צווישן די עסקנים און מנדבים געפונען זיך אויך חסידים פון אנדערע קרייזן? אתמהה!

איהר שרייבט, "מיר וועלן זיך דא נישט אריינלאזן אין איינצלעהייטן אויסרעכענען די חששות וואס רבינו הק' מסאטמאר זי"ע האט ארויסגעברענגט, אנווייזענדיג פאר זיינע תלמידים, נישט צו מאכן קיין עירוב אין ניו יארק". זייט'זשע מוחל, און לאזט זיך יא אריין אין די איינצלהייטן אויסרעכענען די דאזיגע חששות. אמת, דער רבי איז געווען א מנגד אויף דעם עירוב אין ניו יארק (מאנהעטען), ווי דער פריימאן'ער רב ז"ל איז דאס מעיד, און אין ברוקלין ווי דער דעברעצינער רב ז"ל איז מעיד, אבער טאקע דערויף שרייבט קלאהר הגה"צ מפוסקי דורינו אב"ד קארלסבורג שליט"א "תיקון העירוב פה... אין זה מנוגד כלל נגד דעת קדשו של מרן רבינו זצוק"ל". מיר זענען נייגעריג צו דער "אחד הרבנים", אונזער "גאסט", איז גרייט זיך צו פארמעסטען מיט'ן קארלסבורגער רב שליט"א בנוגע להוראה בכלל, און צו דעת רבינו זי"ע בפרט...

נאר, אז איהר דערמאנט שוין יא וועגן רבין זי"ע'ס שיטה, וואס טוט זיך מיט דעם ענין פון חתמ'נען צוזמאן מיט ציוניסטישע מזרחי ראביי'ס אויף איין קול קורא, דארט ווי דער רבי זי"ע שרייבט כמה פעמים בפירוש קלארע דיבורים, נישט קיין חששות, אז אפילו לדבר מצוה טאר מען זיך מיט זיי נישט מצטרף זיין. ווי שעהמט מען זיך נישט נאך אמאל און נאך אמאל, זייערע נעמען זאלן נתפרסם צוזאמען אויף איין פאפיר. אלא מאי...

די אלע רבנים וואס איהר האט באליידיקט, האבן זיך איבערהויפט נישט וואס צו שעהמען, ווייל דער ציבור האט נישט אזא קארצן זכרון צו פארגעסן, די לאנגע רשימה פון רבנים גאונים וצדיקים, וואס טאקע דער "גאסט הויז" איז געווען דער אכסניא זיי צו באשמוצען מיט כל מיני זלזולים...

ס'איז גאר אינטרעסאנט ווי איר זאלט זיין דער וואס זאל זיך אפרעדן קעגן "פאשקעווילן", בשעה אז אייערע "גאסט עדיטאריעל'ס" איז שוין פון לאנג א קאלום פאר די ארגסטע "פאשקעווילן" קעגען די חשובסטע רבנים וצדיקים וואס דער כלל ישראל פארמאגט היינט. מיר האבן דערווייל נישט געזען קיין ערגערע פאשקעוויל ווי וואס דער היינטיגער "אחד הרבנים" האט געשריבן אלס "גאסט עדיטאריעל".

די אמת'ע תשובה אויף אייער אטאקעס קעגן די בארא פארק'ער מורי הוראות וואס שטייען אונטער דעם עירוב, און קעגן די פילע אנדערע מורי הוראת וואס שטיצן דעם עירוב, צוזאמען מיט זייערע קהילות, וועט קומען אי"ה דעם קומענדיגן "שבת קודש" הבעל"ט, ווי איהר וועט זיך אליין איבערצייגן וויפיל מער און מער מטלטלים בעירוב וועט יעצט צוקומען. ווי געהערט אז א גרויס חלק פונעם ציבור וואס ביז היינט זענען זיי נאך געווען ב"שב ואל תעשה", האבן זיך אנגרופן נאכן לייענען אייער גאסט עדיטאריעל, אז אלע זייערע איבער געבליבענע "ספיקות" זענען שוין יעצט קלאר געווארן.

## היסטארישע שקרים, זיופים וסילופים אין נאמען פון מהרש"ם מברעזאן זצ"ל

אין די צייטונגען פון די וואך, איז צוגעקומען א פרישע רינגעלע צום לאנגן קייט פון זיופים וסילופים פונעם כת הידוע "שאינם מודים בעירוב", מיט וואס זיי פראבירען שוין א גאנצן ווינטער מבלבל זיין דעם דעת הקהל. מיט גרויסע שרייענדיגע אותיות, קומען זיי ארויס מיט ראשענדיגע בייעס: "געפונען געווארן א היסטארישע כי"ק פון הגאון מהרש"ם מברעזאן אקעגן אן עירוב אין ניו יארק".

שוין דער קעפל שרייט פון זיך ארויס: זיוף! ווייל אין דעם בייגעלייגטן כתב–יד–קודש פונעם מהרש"ם, שרייבט דער ברעזאנער רב זצ"ל קלאהרע דיבורים אז ער וויל מער נישט נעמען קיין שטעלונג דערין, נישט פאר, און נישט קעגן. מתחילה האט דער מהרש"ם ארויסגעגעבן א "היתר מרווח" מטלטל זיין אין מזרח זייט פון ניו יארק, אבער ער שרייבט אז זיין היתר איז געווען געבויט ווייל מתחילה "האמנתי לכל הציור שצייר לפני מצב הענין". אבער "אחרי זה הגיעני מכתבים מאיזה רבנים שם שהכחישו הציור שלו", איז צוליב דעם ערעור אויפן בילד פונעם מצב המחיצות פון

פארזעצונג אויף זייט 6

## א טיילווייזע מאפע פון די וויליאמסבורגע עירובין'לעך




די שווארצע חלקים אויף די מאפע זענען די ערטער ווי ס'איז פארהאנען עירובין

# דעת תורה

## מהגה"ק מהרש"ם מברעזאן זצ"ל

## שמותר לערב בעיירות גדולות דאין לנו רשות הרבים דאורייתא

"...הנה מ"ש הרב בדין אם יש בזה"ז דין רה"ר, כבר האריך הרחיב הדיבור בזה בשו"ת בית אפרים או"ח סי' כ"ו והוכיח כדעת המקילים וספר ומנה המון פוסקים ושכן המנהג, וגם אני הארכתי בזה... והעליתי דעיקר כדעת הב"א שם דבעינן שיהו הדרכים רחבים ט"ז אמה ומפולש משער לשער וגם ס' רבוא עוברים בו בכל יום, גם העלה הב"א שם דדוקא עוברים ברגל בעינן ולא העוברים במרכבות ועגלות, דבעינן דומיא דדגלי מדבר.

ולכן גם בעיירות גדולות אם אין הדרכים מפולשים משער לשער ורחבים ט"ז אמות וס"ר עוברים בו בכל יום אין להם דין רשות הרבים".

(שו"ת מהרש"ם ח"א סי' קס"ב)

"...בדבר מה שחידש (השואל) בהא דמבואר באו"ח סי' שמ"ה שבזה"ז ליכא רה"ר משום שאין ס"ר עוברים בכל יום, והעלה רו"מ דאין הכוונה שיעברו בכל יום רק שיהי' נמסר לרבים לילך בכל עת המצטרך וכו' ועפי"ז חידש דבזמה"ז שנתחדש מרכבת הברזל (באהן) ורבים נוסעים ממקום למקום שוב הוי בכל מקום העיירות שעובר הבאהן דרך שם כדין רה"ר, דבמשך הזמן עוברין ס"ר עכת"ד (השואל).

לענ"ד אין שום הכרח לדחות דברי הבית אפרים וכל עיר שאין מצוי שיעברו ס' רבוא ביום אחד אין לה דין רה"ר, ובפרט שאין בדרכים של מרכבת הברזל ט"ז אמה, וגם בעינן שיהי' הדרך בעיר מפולש משער לשער וליכא".

(שו"ת מהרש"ם ח"ג סי' קפ"ח)

"...בשכונת רחובות בעיה"ק ת"ו אשר המבואות רחבים ט"ז אמות והם מפולשים משער לשער וכו' אם מותרין לטלטל בשבת ע"י העירובין שנעשו סביב כל השכונה?

בנ"ד שאפשר לעשות צוה"פ ובודאי נעשה עירובין סביב השכונה בלחי מכאן ולחי מכאן וחבל קשור על גביהן כמבואר בסי' שס"ג א"כ כל השכונה כחצר אחד".

(שו"ת מהרש"ם ח"ג סי' י"ד)

# היסטארישע שקרים, זיופים וסילופים אין נאמען פון מהרש"ם מברעזאן זצ"ל

פארזעצונג פון זייט 4

מאנהאטען וואס איז פאר עם פארגעשטעלט געווארען, דערפאר זאל מען זיך מער נישט פארלאזען אויף זיין פריערדיגען היתר, ווי ער שרייבט "איני אומר היתר ולא יסמכו עלי בזה". אבער, ווי ווייט איז פון אט די ווערטער זיינע, ביז צו שרייבען "געפונען געווארן א היסטארישע כי"ק פון הגאון מהרש"ם מברעזאן אקעגן אן עירוב אין ניו יארק".

נאך א וויכטיגע נקודה קומט אויס קלאהר מדבריו הקדושים פונעם ניי-געפונענעם כי"ק פון ברעזאנער רב זצ"ל, אז אויף אזא סארט ציור תמונה וואס איז פארגעשטעלט געווארן מתחילה צום ברעזאנער רב, דערויף איז יא גילטיג זיין היתר. זיין צוריק ציען איז נאר צוליב דעם פראבלעם אז ס'איז נתעורר געווארן ביי עם א ספק אין דעם ציור פון מאנהאטען פון וואס הרב סיגעל האט עם פארגעשטעלט, און אויך ווייל מ'האט עם געזאגט אז "בכל יום נעשים שם שינויים". דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז אהן אט די דאזיגע שינויים אין די מציאות, איז נאך א ודאי גילטיג דעם מהרש"ם'ס ארגענעילע היתר.

אין זייער ארטיקל גופא, פראבירען זיי אומפארשעהמטער-הייט אריין צו שלעפן דעם מהרש"ם, כאילו ער איז מסכים מיט אלע פלפולים ומסקנות פון ר' עזריאל לעמיל הערמאן ז"ל בעל מחבר ספר "מים רבים". כאילו דער מהרש"ם האט דערנאך צוריק-געצויגען פון אלע זיינע פסקים און הוראות בהלכות עירובין. בשעה אז דעם געפונענעם כתי"ק גופא שרייבט דער מהרש"ם קלאהרע דיבורים, "מפני חולשת גופי כעת, **אי אפשר לי להזדקק לעיין בדברי פלפולו**". דאס הייסט אז דער מהרש"ם האט איבערהויפט נישט געהאט בכח מעיין זיין אין הרב הערמאן'ס פלפולים (נישט ווי אין זייער פאלשע איבערזעצונג כאילו דער מהרש"ם שרייבט אז "איך קען נישט __געהעריג__ מעיין זיין אין זיין דברי פלפול"). ווי יעדער בר דעת פארשטייט אליין, אז צוליב'ן "מים רבים" פון הרב הערמאן, ווערען נישט אויסגעמעקט גאנצעטע תשובות פון פסקי מהרש"ם, ווי למשל, די הוראה פון ברעזאנער רב אז מ'קען זיך פארלאזען אויף "מחיצות בידי שמים", א.א.וו.

מיר ווען זיך דא נישט אפשטעלן אויף די דברי פלפול פון הרב הערמאן, ווייל זיין גאנצע שקלא וטריא אין די חששות לגבי מאנהאטען, וואס דער כת הידוע ברענגען אראפ אין היינטיגן צייטונג, איז בנוגע צו מ'קען זיך פארלאזן אויף "מחיצות הים" פון דריי זייטן שנעשו "בידי שמים", און אויף די טרעין-עלעוועיטארס אויף די פערטע זייט פון מזרח מאנהאטען. זיינע פלפולים זענען לגמרי נישט נוגע לגבי ברוקלין, וואס פארמאגט מחיצות וואס זענען געמאכט געווארן "בידי אדם", וואס האבן א חשוב'ערן הלכה סטאטוס. און בפרט אז בארא פארק האט אן עירוב מיט א געהעריגן צורת הפתח, וואס מאנהאטען האט קיינמאל נישט געהאט. ווייל אין מאנהאטען האט מען קיינמאל נישט מתקן געווען אן עירוב.

כדי זיך איבערצייגן אז הרב הערמאן'ס חששות האבן גארנישט צו טוען מיט אונז, איז כדאי אראפברענגען זיין לשון השאלה ותחילת התשובה: "שאלה, פה בעיר נויארק בצד מזרח העיר הולך נהר האדסאן בג' רוחות, ובצד הרביעי הולך מסילת הברזל למעלה על עמודים גבוהים הרבה... וא"כ אותו חלק העיר מוקף מחיצות מכל צד, אי מותר לטלטל בין המחיצות או לא. תשובה - בדבר זה יש ה' חששות. א) חשש שמא יעלה המים שרטון. ב) חשש דאתי רבים ומבטלין המחיצה של הנהר שלא נעשה בידי אדם. ג) חשש של מוקף לדירה. ד) חשש על המחיצה הרביעית דשמא אינה מחיצה. ה) על רגל האסורה במקומה אוסר שלא במקומה, עכ"ל. זעען מיר דאך, אז די גאנצע היסטארישע באריכט פון כת הידוע איבער מאנהאטען אין היינטיגן צייטונג, האט אבסעלוט גארנישט צו טוען לעניננו אין שכונת בארא פארק ברוקלין.

נאך א געמיינע זיוף פון די כת הידוע, איז וואס זיי שרייבן כאילו הרב הערמאן האט אין זיין "מים רבים" מברר געווען להלכה, אז צום דין "רשות הרבים" דארף מען נישט האבן קיין ס' ריבוא ברחוב, נאר ס'איז גענוג ס' רבוא בצירוף כל העיר. אזא "בירור" עקזעסטירט נישט אין זיין גאנצען חיבור. דערצו שרייבען זיי נאך אן עם הארצ'ישען זיוף, אז אין "מים רבים" שרייבט ער לגבי דעם דין פון "אתי רבים ומבטלי מחיצתא", אז אפילו די ס' רבוא גייען נישט דורך אויף איין ארט, נאר זיי גייען דורך ארום און ארום איבער די גאנצע לענג און ברייט פון די מחיצות, איז עס אויך מבטל די מחיצות. זיי ווייסן אבער נישט, אז אט דער גאנצער אויפטו איז נוגע נאר לגבי מחיצות הים, און נישט לגבי מחיצות שנעשו בידי אדם, כבנידון דידן, כמבואר להדיא בכל הפוסקים (עי' שו"ת חכם צבי סי' ל"ז, ושו"ת שאילת יעב"ץ סי' י"ז, שו"ע הרב סי' שמ"ה בקו"א, ושו"ת חתם סופר סי' פ"ט, ועוד, ועי' בשו"ת בית שלמה סי' נ"א שהאריך בזה. וכן כתב מפורש המהרש"ם בדעת תורה סי' שס"ג).

אגב, אויף וואס די כת הידוע שרייבן אז עס דארף נישט זיין קיין ס' ריבוא עוברים, נאר מ'איז מצרף מכל העיר, שרייבט קלאר דער מהרש"ם (ח"ג סי' קפ"ח), אז אויף די דאזיגע טענה "כבר ישב על מדוכה זו הרב השואל (המשכנ"י) בשו"ת בית אפרים וכו', און עס מוז זיין "ס' רבוא עוברים באותו דרך".

נאך א סילוף ברענגען די כת הידוע בשם דעם פלונסקער רב זצ"ל אין זיין שו"ת תירוש ויצהר, אז די רבנים פון ניו יארק האבן געטענה'עט קעגן דעם עירוב, אז גאנץ מאנהאטען איז א רה"ר דאורייתא, מחמת דעם טעם הנ"ל. אין צייט וואס דער פלונסקער רב שרייבט קלאהר 20 יאהר שפעטער אין שו"ת תירוש ויצהר (סי' ע"ג) וז"ל: "ובענין שטענו הרבנים, ש"ברחוב בראדוויי" יש ס' רבוא דהוי רה"ר (הרי משמע ברור דתליא ב"רחוב", ולא בכל העיר שהיו בה כמה מיליאן, וזו היתה טענתם), והשיבו המתירין, הא אין לו דין מפולש", עכ"ל. עס קומט טאקע א גרויסן יישר כח פאר די כת הזייפנים הנ"ל פאר ברענגען דעם פסק פון הגאון בעל תירוש ויצהר וואס איז געווען ראש הרבנים אין ווארשא, ווייל לויט זיין פסק (בצירוף מחותנו הגאון אב"ד סעראצק עיי"ש) איז אוודאי דא אין בארא פארק האבן מיר נישט קיין רחוב וואס ס'זאל האבן ס' רבוא, אין אויך נישט קיין רחובות מפולשין.

נאך אן עם-הארצות'שן זיוף פון די כת הידוע, איז דאס וואס זיי ברענגען אראפ פון הרב הערמאן'ס "מים רבים", אז ער זאל האבן געשריבן, אז אפילו אין מחיצות שנעשו בידי אדם, אויב עס געפונען זיך אין זיי פירצות יותר מי' אמות, איז עס א רה"ר מן התורה. דאס איז א פשוט'ער סילוף, ווייל הרב הערמאן רעדט נאר לגבי א דין דרבנן, אז דארט ווי ס'איז פארהאן א פירצה יותר מי' טאר מען נישט מטלטל זיין אהן א תיקון ע"י צורת הפתח (כמבואר בפמ"ג סי' שס"ג במ"ז ס"ק א', שו"ת בית אפרים סי' כ"ו, שו"ת מהר"י מסלוצק סי' י"א, ערוה"ש סי' שס"ב סעי' כ"ו, שו"ת אחיעזר ח"ד סי' ח', חזו"א או"ח סי' ק"ז, ועוד).

און ווידער נאך א שקר וואס זיי שרייבן בזה"ל: "ער (הרב הערמאן) איז אריבערגעפארן קיין אייראפע, און האט זיך מפלפל געווען מיטן ברעזאנער רב און מיטן סטאניסלאווער רב (בעל הרי בשמים), און זיי האבן מודה געווען צו זיינע טענות". זיי זענען מעלים פונעם ציבור ווען הרב הערמאן איז געפארען קיין אייראפע. ווייל אין די הקדמה צום "מים רבים" שרייבן די בני המחבר, אז זייער פאטער הרב הערמאן ז"ל איז ארויסגעפארן קיין פוילין אין שנת תר"ע (1910), א יאהר נאכ'ן הסתלקות פונעם סטאניסלאווער רב זצ"ל (כ"א סיון

פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט

# היסטארישע שקרים, זיופים וסילופים אין נאמען פון מהרש"ם מברעזאן זצ"ל

פארזעצונג אויף זייט ...

שנת תרס"ט), נו, אויב אזוי, ווי איז מעגליך אז דער סטאניסלאווער רב זאל האבן "מודה" געווען צו הרב הערמאן'ס טענות... און ווי שטארק דער מהרש"ם זצ"ל האט "מודה" געווען צו הרב הערמאן'ס איסור, זעהט מען פון דעם מהרש"ם'ס בריעוו, ווי דערמאנט פריער, אז ער נעמט נישט סיי וואס פאר א שטעלונג להלכה לגבי ניו יארק. נישט אומזיסט האט הרב הערמאן ז"ל קיינמאל נישט מפרסם געווען דעם בריעוו פונעם מהרש"ם, טראץ וואס דער ברעזאנער רב בעט זיך ביי עם "ויראה בטובו לפרסם שם מכתבי זה"...

ווער דער הרב הערמאן ז"ל איז געווען, איז אונז בכלל נישט נוגע, פונקט ווי ס'איז אונז נישט נוגע ווער דער הרב סיגעל ז"ל איז געווען. כבודם במקומם מונח. נאר לגבי וואס דער כת הידוע מאהלט א בילד כאילו הרב הערמאן איז געווען א גרויסער חסידישער גאון וצדיק, שטימט עפעס נישט אינגאנצען מיט די תוארים וואס דער מהרש"ם שרייבט אויף עם אין דעם דאזיגן געפונענעם כתי"ק, נישט מער ווי "הרב המופלג בתורה", ותו לא מידי, נישט ווי זיין דרך צו שרייבען אויף גאונים וצדיקים. אויך איז כדאי צו ציטירען א לשון וואס הרב הערמאן ז"ל שרייבט אין די הקדמה צו זיין חיבור "מימי הדעת" אויף הלכות מקואות, ווזה לשונו: "**ואף שהגה"ק מו"ה חיים האלבערשטאם מסאנץ עשה חיבור על מקואות ושמו דברי חיים... מ"מ לא יצא ידי חובתו בזה, שהדינים המחודשים שם המה מועטים... שהי' כותב בחפזון מפני אפס הפנאי שהי' לו טרדה בהרבה ענינים, ומפני כן במחילת כת"ה לא ירד לעמק השוה בהרבה ענינים**"... דוכט זיך, אז קאמענטארען זענען איבעריג!

דער כת הידוע פירן אויס זייער היסטארישן באריכט, אז דער היתר העירוב אין מאנהאטען פון די "נישט ערליכע רבנים, האט געברענגט אויך אין די שפעטערדיגע יאהרן ביטערע נאכפאלגן, פון וואס מיר ליידן ביז'ן היינטיגן טאג". ראויים הדברים על מי שאמרן, טאקע צוליב די דאזיגע עם-הארצים שאין בהם דעת, ואם אין דעת הבדלה מנין, צו קענען מבדיל צו זיין, צווישן מאנהאטען מיט ברוקלין, צווישן מחיצות בידי שמים צו מחיצות שנעשו בידי אדם, צווישן אן עירוב פון טרעין-עלעוועיטארס צו א מהודר'דיגן צוה"פ, צווישען אן עירוב ארום א גאנצע שטאט אדער נאר ארום א שכונה. ווער זענען די וואס "ליידן"? אויב נישט אונז, וואס מיר ליידן פון די דאזיגע מחוסרי דעה, וואס לויפן נאך יעדן שבת ווייבלעך מיט מיידלעך, שרייען און שעלטן "מחלליה מות יומת"... אזא מין טעראר וואס איז נאך נישט געהערט געווארן אין קיין שום עיר מתוקנת בעירוב בעולם.

# להתוודע ולהגלות

על דבר הקול קורא של רבני פלעטבוש מיום ר"ח ניסן תש"ס אשר נדפס ב'יתד נאמן' ובעוד מקומות, "שלא יועילו שום תיקונים להתיר הטלטול בשום שכונה בברוקלין, ואפילו אם יעשו עירוב יהיה אסור לטלטל בו בין גדולים בין קטנים", על זה גילו דעתם הרבנים הרשומים מטה, שחתימת שמם מזויפת, כי מעולם לא חתמו על קול קורא זה.

| | |
|---|---|
| **הרב אביגדור הכהן מיללער**<br>רב בית ישראל דרגבי | **הרב אברהם יעקב הכהן פאם**<br>ראש ישיבת תורה ודעת |

ישראל פינחס הלוי גארניש
רב דקהל חיזוק הדת
ברוקלין, נ.י.

Rabbi Yisroel P. Gornish
1421 Avenue O
Brooklyn, N.Y. 11230
(718) 376-3755

בס"ד

עש"ק פ' אחרי כ"ג ניסן תש"ס

באתי להודיע

מה שחתמתי על איסור תיקון עירובין היה
רק בנוגע לשכונת פלעטבוש ובכלל לא
היה כוונתי להתערב בשום אופן בענין
תיקון עירובין בבארא פארק שזה נתון
בידי רבני בארא פארק לפסוק כראות
עיניהם.

ולראי' באעה"ח ביום ובזמן הנ"ל
ישראל פינחס הלוי גארניש

# תורה תורה חגרי שק!

אכן נודע הדבר, מחוייבין אנו למחות מחאה אדירה,
וראוי לקרוע קריעה על דברי

## מינות ואפיקורסות

שנאמרו להעיתון **The New York Times**
ואשר נדפסו היום יום ו' עש"ק במדבר בעמוד ראשון של The Metro Section

**שההתנגדות לתיקון עירובין הוא בגלל:**
**ש"העירוב מוריד את ערך השבת,**
**כי ע"י עירוב, יום השבת נראית כיום חול"...**

**דברי כפירה אלו הם לגלוג על חכמינו ז"ל**
**ונגד "תורה שבע"פ"**
**כי הם מנגדים לעצם יסוד מהות התקנה שתיקנו חז"ל**
**להתיר הטלטול ע"י עירוב**
"לצורך הנאתו, כדי לטייל" (פרישה טור או"ח סי' שצ"ה ס"ק א')
"שלא יהיו ידיו אסורות מלהוציא ולהכניס" (פמ"ג סי' ר"ס ס"ק ג').

**על מחלל ש"ש זה בפהרסיא הכי גדולה לחלוק על חכמינו ז"ל לומר שתיקון עירובין הוא זלזול בכבוד השבת, הרי הוא מן הכת "שאינם מודים בעירוב", כה"צדוקים" שלא האמינו בתורה שבע"פ. והוא בגדר "ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת"** (כמבואר ברמב"ן פ' כי תבוא כז, כו).

**המוחים על עלבונה של תורה**